און ער איז אַרומגעגאַנגען אין גאַנץ גליל, לער־ 23
נענדיק אין זייערע שולן, און אויסרופֿנדיק די גוטע
בשורה פֿונם מלכות, און היילנדיק אַלע קראַנקהייטן
און שלאַפֿקייטן צווישן דעם פֿאָלק. און זיין שם 24
האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין גאַנץ סיריען; און מען האָט
געבּרענגט צו אים אַלע קראַנקע, וואָס זענען געווען
געפּלאָגט מיט פֿאַרשיידענע מחלות און יסורים,
באַזעסענע מיט בייזע גייסטער, און חולי־נופֿל, און
פּאַראַליטיקער; און ער האָט זיי געהיילט. און עס 25
האָבּן אים נאָכגעפֿאָלגט גרויסע המונים מענטשן
פֿון גליל און דעקאַפּאָליס און ירושלים און יהודה
און פֿון עבר הירדן.

## קאַפּיטל פֿינף

5

און זעענדיק די המונים מענטשן, איז ער אַרויפֿ־ 1
געגאַנגען אויף דעם באַרג; און ווען ער האָט
זיך אַנידערגעזעצט, זענען זיינע תלמידים געקומען
צו אים. און ער האָט אויפֿגעעפֿנט זיין מויל און 2
זיי געלערנט, זאָגנדיק:
וואויל איז די אָרעמע אין גייסט; ווייל זייערס 3
איז דאָס מלכות השמים.
וואויל איז די טרויערנדיקע; ווייל זיי וועלן 4
געטרייסט ווערן.
וואויל איז די, וואָס האַלטן זיך קליין; ווייל זיי וועלן 5
ירשענען די ערד.
וואויל איז די, וואָס הונגערן און דורשטן נאָך 6
גערעכטיקייט; ווייל זיי וועלן געזעטיקט ווערן.
וואויל איז די בעלי־רחמים; ווייל זיי וועלן 7
דערלאַנגען באַרמהאַרציקייט.